# IV. דין־וחשבון פֿונעם צונויפֿשטעלער




געמ. 20 — ג ע ר ש ט ן

# 1. אויסגעניצטע מקורים

## (א) דאָס גערעדטע ייִדיש

קודם־כּל האָבן מיר זיך געוואָנדן צום ייִדיש שבעל־פּה, צו דער שמועסשפּראַך, דאָס הייסט: צו לעבעדיקע אינפֿאָרמאַטאָרן. האָבן מיר טאַקע אויסגעפֿרעגט בעיקר ייִדיש־רעדערס פֿון ערדאַרבעטערשע קאָלאָניעס, דערפֿער און קלענערע שטעטלעך, אָבער אויך פֿון גרעסערע שטעט, אַ סך־הכּל פֿון 180 אירע פֿון 165 וווינפּונקטן, דהײַנו פֿון: אַדעס, אוזליאַן, אוריִעוו, איהעל, איוויע, איזמײַל, איזשביץ, איט, איש, אָלעסקאָ, אַלעקסאַנדראָווע דעקי, אַמשינעוו, אַסטילע, אָסטראָווצע (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), אָסטרע, אָסטרעווע, באָדזענעוו, באַטער, באָטשאָן, באָניעד, באַרבעוויץ, באָרזשעווע, באַרישפּאָליע, בויד, ביאַליסטאָק, בילסק, בירז, בלאַכאָווניע, בעלכעטעוו, בעלץ, בענדין, בערעזיטש, בערעקסאַז, גאָווראָווע, גאָרזשיץ, גוואָזדאָווקע, געטקעוויץ, גרויס־ביאַלע (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), דאָברעטוואָר, דאָוויד־האַראַדאָק, דאָלענע, דאָמברעווע, דאָרע, דובוי, דיבעטשנע, דעש, דראַטשעניץ (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), האָלמין, הײַשין, וואָלטשעניץ, וואַרשע, ווילנע (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), ווילקאָטש, וויערעשעוו, די ווישעוועס, ווערבעלאָוו, זאַבלטאָוו, זאַמד, זוויניעטשקע, זבאָרעוו, זגוריצע, זשעביע, זשיטאָמער, זשיטשקע, טאָמעשעוו־לובעלסק, טאָרנע, טאָשנאַד, טויסט, טולטשין, טישעוויץ (דרײַ אינפֿאָרמאַטאָרן), טעטשין, טעלדז, טעפּליק, טראַב, טשיד, טשערנעוויץ (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), טשענסטעכעוו, יאַדעווע, יאַנעווע, יאַנעשפּאָליע, יאָס, יאַרמעליניץ, יורבאַריק, ייִגאַן, יעדיניץ (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), יענדזשעווע, כמעלניק, כעטין (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), כעלעם, לאָדאַן, לאָדזש (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), לאָכוויץ, לאָעסק, לובלין, לוכעוו, לונע, ליובער, ליסקעווע, ליפּנע, לעווערטעוו, לעלטשיץ, מאָגלניצע, מאָדזשיץ, מאַרצינאָווקע, מאָשטשיסק, מייטשעט, מיקעלײַעווע, מיקעוו, מעזריטש, מעלאַווע, מערקילעשט, (נ)אַוואַרעדאָק, ניזשבעריק, נײַ־קאָסנטין, נעוועסעליץ, סאָטענעוו, סאַקאָלקי, סאַמעכוואַלעוויץ, סוכאַוואָליע, סטאַניסלע, סטאַשעוו, סטידעניצע, סטראָפּקעוו, סטרי, סיקס, סמילע, סערעט, ספּערמעזעו, סקווער, פּאָדעלוי, פּאָדעמביץ, פּאָנעווועזש, פּאַרצעוו, פּידײַיִץ (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), פּינצק, פּראָסקערעוו, פּרוזשענע, פּ(ע)רעיאַסלעוו, קאַזלווישטשינע, קאָזשעניץ, קאַמינקע, קאַרלסבאָרג, קאָרסן, קאַשוי, קאָשעדאַר, קיטנע, קיוויאַזשד, קיטאַרעד (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), קילעמיי, קיניגספֿעלד, קלימעטעוו (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), קעשענעוו, קריוואָזער, ראַבשוי (צוויי אינפֿאָרמאַטאָרן), ראַדן, ראָדנע, ראָדעם, ראָוונע, ראָזעדעוו,

ראַקעוו, (וואַד־)ראַשקעוו, רימענעוו, רעזשאַן, רעטין, שאַץ, שטראָסבעריק, שעפּס (צווײ אינפֿאָרמאַטאָרן). די נעמען פֿון די אינפֿאָרמאַטאָרן און די אַקוראַטע לאָקירונג פֿון זייערע געבוירן־ערטער קען מען געפֿינען אינעם געוויקסן־ און מקורים־וויַיזער.

אַ סך פֿאַרקוקט בעל־פּה־זיק שפּראַכוואַרג האָבן מיר אָפּגעזוכט אין דער רובריק „פֿון פֿאָלקס מויל" אינעם קיִעווער זשורנאַל די ייִדישע שפּראַך און אין די כלערליי רעגיאָנאַלע לעקסישע זאַמלונגען אין ייִדיש פֿאַר אַלע (וואַרשע), ייִדישע פֿילאָלאָגיע (וואַרשע), ייִדישע שפּראַך (נ"י), פֿילאָלאָגישע שריפֿטן (ווילנע), ווי אויך בכלל – אין די געדרוקטע אידיאָטיקאָנס און פֿאַרשאַרבעטן פֿון: פֿ. אַלפֿאַבעט, ה. בעם, פֿ.־י. בעראַנעק, חיים גינינגער (וועגן שײַנעאַנו), הוטערער, מ. וויינגער, ביידע ווײַנרײַכס, שעיה טויב, משה לערער, רפֿאל מאַהלער, מענדל מאַרק, ב. סטאַלעק (בורגנלענדער ייִדיש), פּרילוצקי, פֿאַלקאָוויטש, קאָסאָווער, קלמנאָוויטש, ראַבאַך, שעכטער א"אַ. ספּעציעל מוז מען מאַכן אַ וואַרע פֿאַר די אוצרות, וואָס זענען אײַנגעשפּײַכלערט אויף די טאַשמעס און אַרויסדרוקן פֿונעם ייִדישן שפּראַך־ און קולטור־אַטלאַס.

## ב) דאָס געשריבענע ייִדיש

אַחוץ די „באַנאַלע" נעמען פֿון געוויקסן (ווייץ, קאָרן, האָבער, קאַרטאָפֿל, מייערן, ציבעלעס, קנאָבל אאַז"וו) טרעפֿן זיך באָטאַנישע טערמינען מײַנסטנס בײַ שרײַבערס אויפֿגעוואָקסענע אָדער אין ערדאַרבעטערשע קאָלאָניעס, אָדער אין געגנטן, ווו טייל ייִדן זענען געווען אינדיווידועלע עובֿדי־אַדמה, ווי אויך בײַ נאַטור־אינפֿאָרמירטע שרײַבערס און בעלי־לשון: הירש אַבראַמאָוויטש, אפֿרים אויערבאַך, רחל אויערבאַך, מ. אַלבערטאָן, משה אַלטמאַן, ב. אָליצקי, לייב אָליצקי, י. אָפּאַטאָשו, מ. אַפּשאַן, הענעך אַקערמאַן, מענדל אַקערמאַן, י. אָקרוטני, ה. אָרלאַנד, הירש אָשעראָוויטש, ח. באַרקאַן, נחמן בלומענטאַל, דוד בערגעלסאָן, מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, ד"ר ניסן ברוסילאָוו, חיים גאָלדענשטיין, עליע גאָרדאָן, שמואל גאָרדאָן, יעקבֿ גלאַטשטיין, יעקבֿ גלאַנץ, חיים גראַדע, נפֿתּלי גראָס, אורי־צבֿי גרינבערג, ז. דיאַמאַנט, ב. דעמבלין, שיקע דריז, משה־לייב האַלפּערן, בער האָראָוויץ, יצחק האָראָוויץ, ש. האָראָנטשיק, קלמן הײַזלער, פּעסיע הערשפֿעלד־פּאָמעראַנץ־האָניגבוים, אלחנן וואָגלער, ליובע וואַסערמאַן, עוזר וואַרשאַווסקי, בעריש ווײַנשטיין, א.־מ. ווײַסענבערג, מ. ווינער, נ. זאַבאַרע, חן־שמעוני, כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו, וואָלף טאַמבור, מלכּה חפֿץ־טוזמאַן, ז. טעלעסין, י. טראַכטענבערג, יאַנקל יאַקיר, כאַווער־פּאַווער, נאָטע לוריע, נח לוריע, נ.־ב. לינדער, י.־י. לינעצקי, אַ. גלאַנץ־לעיעלעס, פֿאַליק לערנער, יוסף מאַרגאָשעס, מענדעלע מוכר־ספֿרים, י. מעצקער, משה נאַדיר, לייב נײַדוס, דער נסתּר, מענדל לעפֿין־סאָטענעווער, אַ. סוצקעווער, יוסף ערליך, ראָזע פּאַלאַטניק, הערשל פּאָליאַנקער, י. (שיִע) פּערלע, י.־ל. פּרץ, יחיאל פֿאַליקמאַן, מאָזי קאָבריאַנסקי, רחל קאָרן, לייב קוויטקאָ, משה קולבאַק, י. קייטלמאַן, איציק קיפּניס, ראַבאָי, ראַבין, ראַבינקאָוו, רויזענבלאַט, רעסלער, מ.־מ. שאַפֿיר, י.־צ. שאַרגעל, י.־י. שוואַרץ, אליעזר שטיינבאַרג, שלום־עליכם, שמרי, שעכטמאַן א"אַ.

געוויינטלעך, די לערנביכלעך פֿון באָטאַניק, ביאָלאָגיע און געאָגראַפֿיע, וואָס די נעמען פֿון זייערע בעלי־מחברים צי פֿאַרטײַטשערס האָבן מיר אויסגערעכנט פֿריִער (אינעם קאַפּיטעלע „אַלטס און נײַס אין דער ייִדישער

באָטאַנישער נאָמענקלאַטור״) האָבן מיר געדעקט – מיט אַ ווערעך. אויך די גאַנצע אַגראָנאָמישע ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן דאָרטן ראָשי־פּרקימדיק פֿאַרצייכנט (די פֿולע טיטלען – אין דער ביבליאָגראַפֿיע), האָבן מיר זיך געפּלײַסט אויסצושעפּן, כאָטש מיר ווייסן וויל, אַז דאָס איז נישט פֿאַר די כּוחות פֿון איין מענטש אָדער אַפֿילו פֿון עטלעכע.

אַ רײַכער קוואַל פֿון באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע אינעם ערשטן ליטעראַרישן ייִדיש איז די אַלטע ייִדישע ליטעראַטור, למשל די כּלערליי פּובליקאַציעס א״נ ספֿר מנהגים, ספֿר רפֿואות, סגולות ורפֿואות און די פֿאַרשיידענע הגדות, ווי אויך פֿאַרצײַטיקע ווערטערביכלעך (אַ שטייגער: חינוך קטן, פֿערט, 1750 א״אַ), אָדער דער פֿאַרצײַטיקער טוריסטן־ווײַזער דרכי ציון פֿון „משה פּרעגער דער שרײַבער״ (1650), דער ספֿר המגיד און נאָך.

אַוודאי האָבן מיר אויסגעניצט די פֿאַרטײַטשן פֿון תּנך, משניות און גמרא: בליץ, וויצנהויזן, זאַלקינד, יהואָש, פּיעטרושקאַ א״אַ, ווי אויך די אַרבעטן וועגן לשון פֿון די הלכה־מקורים און בכּלל אַלטע טעקסטן: מרדכי בערנשטיינס אַרבעט וועגן די צוויי רעצעפּטביכער פֿון 1474 און 1509, עריקאַ טימס אַרבעט וועגן ערוך קטן (אַ כּתבֿ־יד פֿון 1290) א״אַ.

אַפֿילו אַזוינע יקר־המציאותן ווי די האַנטביכלעך פֿאַר סטאָליערס (י.־מ. בערמאַן), פֿאַר סוחרים פֿון דער פֿאַרב־בראַנזשע (י. פֿינקלער) האָבן מיר נישט אַדורכגעלאָזט.

די צאָל באַאַרבעטע מקורים איז אַ היפּש ביסל גרעסער ווי די מקורים וואָס אין דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון אויסגעניצטע מקורים. אָט זע׳מיר אַדורך פֿיר ביכלעך פֿון י. סודאַרסקי (בירעבידזשאַן, כאַרקעוו־קיִעוו, 1937; סטאַלינדאָרפֿער ראַיאָן, מאָסקעווע, 1933; קאַלינינדאָרפֿער ראַיאָן, מאָסקעווע, 1932 און נײַ־זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן, מאָסקעווע, 1932), אָבער נאָר פֿון איינעם האָבן מיר באמת געשעפּט און דעריבער איז נאָר דאָס איינע נכלל געוואָרן אין דער ביבליאָגראַפֿיע.

געגעבן צו שטײַער צום אויסוואַקס פֿון דער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע אין ייִדיש האָבן אויך די כּלערליי פּובליציסטיש־אַגראָנאָמישע סך־הכּלען פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, ארץ־ישׂראל, באַסאַראַביע, בירעבידזשאַן, גאַליציע און ליטע. און באַריכטן פֿון עקספּערטן־קאָמיסיעס קיין בירעבידזשאַן און סורינאַם זענען וויכטיקע מקורים פֿון אַגראַרער און באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע. דאָס אייגענע – די זכרונות און פּובליקירטע קאָרעספּאָנדענץ פֿון די פּיאָנירן פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע (מרדכי אַלפּערטאָן, פּנחס ביזבערג, יצחק לאָסעוו, נח קאַצאָוויטש, יחזקאל שוחט א״אַ).

געאָגראַפֿישע האַנטביכלעך און נסיעה־אָפּמשלונגען זענען אַן אַנדער רײַכער מקור: ש. אַבראַמזאָן; אַ. בולקין; מ. בירנבוים און ד. קאַסעל; דוד בן־גוריון און י. בן־צבֿי (אַ פּרטימדיקער סך־הכּל וועגן ארץ־ישׂראל, אַרויס אין 1919); דוד בערגעלסאָן און עם קאַזאַקעוויטש (וועגן בירעבידזשאַן); פּרץ הירשביין; ל. טאַלמי; ד. כאַראָבין; נ. ראָזענבערג (גרוזיע, אַזערבײַדזשאַן, אַרמעניע); ווי אויך כּלערליי פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע ביכלעך (אילין וכ׳).

חוץ דער פּאָפּולער־מעדיצינישער ליטעראַטור וואָס אין די פֿריִערדיקע יאָרהונדערטער האָבן אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט געשריבן ביכלעך און אַרטיקלען וועגן רפֿואה־געוויקסן: חנא גאַרבער, נ. גלויבערמאַן, דער טאַרלער רבי א״אַ. ס׳רובֿ פֿון אָט די אַרטיקלען האָבן זיך געדרוקט אין די אַגריקולטור־זשורנאַלן, ספּעציעל אין די זיבן יאָרגענג פֿונעם לעמבעריקער ייִדישער לאַנדווירט.

געשלאָסענע טערמינאָלאָגישע קאָלעקציעס געבליבענע אין מאַנוסקריפּט, אָבער וואָס ס'איז אונדז פּאָרט געראָטן צו זיי צוצוקומען און זיי אויסניצן, זענען: 1) דער אומפֿאַרגלײַכלעכער אוצר, וואָס אין די שוין דערמאָנטע צוויי כּתבֿ־ידן פֿון ס.אי. דאַנילאָוו און ב.א. טיכאָמיראָוו (ייִוואָ־אַרכיוו) – פּרטימדיקע וויסנשאַפֿטלעכע סך־הכּלען וועגן די געוויקסן פֿון בירעבידזשאַן. 2) דער כּתבֿ־יד אַגריקולטור: ייִדישע טערמינאָלאָגיע (אָרט־אַרכיוו אין ייִוואָ); 3) כ. ציפּינס דרײַ געזעמלען אַגראָטערמינען פֿאַרצייכנטע בײַ ייִדישע ערדאַרבעטערס פֿון דער קאָלאָניע יעפֿינגאַר, ניקאָלײַעווער קרײַז, דרום־אוקראַיִנע (ייִוואָ־אַרכיוו).

# 2. אידענטיפֿיציר־פּראָבלעמען

## א) בײַם ייִדישן עטנאָבאָטאַנישן טערמין

אינעם קאַפּיטעלע „פּשוט־פֿאָלקישע נאָמענקלאַטור און סיסטעמאַטישע טערמינאָלאָגיע" דאָ אויבן און אין אַ פֿריִערדיקער אַרבעט (שעכ 1966) איז שוין געקומען צו רייד וועגן דעם עשירות אָבער אומפּרעציזקייט פֿון דער פּשוט־פֿאָלקישער נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכער נאָמענקלאַטור בײַ ייִדן און בײַ גויים. במילא שאַפֿט עס צרות בײַם וויסנשאַפֿטלעך אידענטיפֿיצירן די עטנאָבאָטאַנישע טערמינען אינעם רעד־ און שרײַב־לשון.

אָט נעמט בערעזקע. פּשוט, אַיאָ? ס'אַ קליינע בערעזע? סע קען טאַקע זײַן אַ קליינע בערעזע, אָבער – חוץ דעם – אויך אַ באַזונדער זגאַל בערעזע (Betula humilis) און אַ גראָזגעוויקס[1]. מיינט איר דאָך, אַז מיט די דרײַ ברירות זענט איר שוין דערשוווּמען צון אַ ברעג? איז ווידער ניין, וואָרן אויף אוקראַיִניש איז „בערעזקאַ" טײַטש אײַן זאַך (Polygonum) און אויף רוסיש – אַן אַנדערע (Convolvulus arvensis). איז אַז מע געפֿינט בײַ בערגעלסאָן, קיפּניס, ברוסילאָוו, טאַבאַטשניקאָוו דאָס וואָרט בערעזקע, וואָס זשע איז עס טײַטש? תּיקו.

דאָס איז נאָך גאָרנישט. הערט ווײַטער, ווי שווער ס'איז צונויפֿצופּאָרן אַן עטנאָבאָטאַנישן טערמין מיט זײַן וויסנשאַפֿטלעכן, ליטײַנישן עקוויוואַלענט. מיר האָבן אין ייִדיש הינטשוואָמען, הינטישע שוועמלעך. ווי זשע הייסן זיי מיטן אינטערנאַציאָנאַלן, ליטײַנישן טערמין? דאָ הייבט זיך אָן אַ חתונה: די פּוילישע עקוויוואַלענטן פֿון הינטשוואָמען צי הינטישע שוואָמען (grzyb psi, psiaczy, psiak, psianka, psiary, psiar, psiara, psiarka, psieczki, psiobeda, psiobedka, etc.) הייסן אין דער וויסנשאַפֿטלעכער טערמינאָלאָגיע: Collybia velutipes, Marasmius oreades, Marasmius scorodonius, Coprinus fasciculare, Hypholoma fasciculare, Lepiota procera, Hydnum repandum, Tricholoma nudum, Amanita vaginata, etc. אויב מע נעמט אַרײַן אין קאָן, חוץ די פּוילישע מקורים, אויך די אוקראַיִנישע, רײַסישע, רוסישע, רומענישע, ליטווישע אאַז"וו, קומען צו נאָך ברירות: Agaricus lateritius, Agaricus galera. דאָס ייִדישע הינטשוואָמען און הינטישע שוועמלעך האָט דאָך אין פֿאַרשיידענע מקומות, פּונקט ווי בײַ די קאָטעריטאָריאַלע מיזרח־אייראָפּעיִשע שפּראַכן, געקענט באַצייכענען פֿאַרשיידענע זגאַלן. בײַם סטאַנדאַרדיזירן האָבן מיר געמוזט מחליט זײַן אַהין אָדער אַהער.

1) פֿממ 41: „אַ גראָז וואָס וואַקסט צווישן תּבואה".

האָבן מיר דעם מאַיאָריטעט־פּרינציפּ אַריבערגעטראָגן אויף דער פּוילישער שפּראַך – אָנגענומען די טײַטש וואָס אין פּויליש איז זי די פֿאַרשפּרייטסטע: היות אונדזערע מקורים ווײַזן דאָס ייִדישע הינטשוואָמען אויף דער פּוילישער שפּראַך־טעריטאָריע (טאָמעשעוו־מאַזאָוויעצק, י. באַשעוויס), האָבן מיר זיך משער געווען, אַז דאָס קער זיך איבערגערופֿן מיט דעם פֿון די פּוילישע סינאָנימען, וואָס ר׳איז, אַ פּנים, דער פֿאַרשפּרייטסטער. האָט זיך באַקומען Marasmius oreades.

ווען מע לייענט אין דער ייִדישער ליטעראַטור וועגן פֿעדערגראָז, פּאַפּ(אָ)ראָט, פּאַפּראָטיקע געוויקסן איז בדרך־כּלל נישט קלאָר וועגן וועלכן פֿון די ווײַטערדיקע סע רעדט זיך: Dryopteris filix-mas, Filicales, Filicineae, Filicophyta/Pterydophita, Polypodiaceae, Polypodium, Polypodium vulgare. די דערמאָנטע ייִדישע ווערטער ניצט מען נישט־דעפֿינירטערהייט און נישט־דיפֿערענצירטערהייט. אין געווי זענען מיר זיך נוהג אַזוי, אַז פֿאַרן העכסטן שייכדיקן קלאַסיראַיינס, ד״ה פֿאַרן אָפּטייל, ניצן מיר דעם אויך אין ייִדיש אָנגענומענעם טערמין פּטערידאָפֿיטן; פֿאַרן צווייט העכסטן קלאַסיראַיינס (דעם אונטעראָפּטייל) – דעם טערמין פֿעדערגראָז־געוויקסן; פֿאַרן דריטן (קלאַס) – פּאַפּראָט; פֿאַר דער מחנה – פּאַפּראָטישע; פֿאַר דער משפּחה, מין און זגאַל – אינדיווידועלע טערמינען. אַזויערנאָך וועלן מיר אויך אויף ייִדיש קענען פֿונאַנדערהאַלטן פֿונדאַמענטאַלע חילוקים. צו ניצן אַ גלײַכעניש פֿון אַן אַנדער פֿעלד: פּונקט ווי בײַם שרײַבן וועגן מיליטערישע ענינים מוז מען מבֿחין זײַן צווישן קאָרפּוס, דיוויזיע, בריגאַדע, פּאָלק, באַטאַליאָן, ראָטע און אָפּטייל, אַזוי טאָר מען אויך נישט צונויפֿמישן תּוכיקע באָטאַנישע קאַטעגאָריעס.

אַ מיכשול איז אויך די ברירה „קינסטלערישע אָפּמשלונגען אַקעגן באָטאַנישן טערמין". ווען מיר שטויסן זיך אָן בײַ הירשביינען, למשל, אין קאַרליקדעמבלעך, ווייסן מיר נישט: איז עס אַ קינסטלערישער אימאַזש אָדער אַ קאָנקרעטער זגאַל וואָס דער בעל־מחבר האָט געפּרוּווט צו באַנאָמענען? (Dwarf California Live Oak, Dwarf Canyon, Live Oak, Dwarf Chinkapin Oak, Dwarf Post Oak, etc.) דער אייגענער ספֿק איז אויך חל, ווען מע לייענט וועגן: ווײַסע בערעזע, שוואַרצער דעמב אַאַ״וו – זענען טאַקע געמיינט די זגאַלן, וואָס אויך זייער ליטוױנישער, ענגלישער, רוסישער נאָמען איז כּולל דעם עפּיטעט ׳ווײַס׳, ׳שוואַרץ׳ (Betula alba; Quercus nigra), אָדער זענען זיי מערנישט דעסקריפּטיווע עפּיטעטן? אין די וויסנשאַפֿטלעך פּרעציזע אָפּמשלונגען פֿון דער בירעבידזשאַנער פֿלאָרע אינעם זשורנאַל פֿאָרפּאָסט איז ווײַסע בעריאָזע איינטײַטשיק (Betula alba), אָבער אין דער בעלעטריסטיק לאַוו־דווקא.

און וואָס איז אייערשוועמל (בײַ סטוטשקאָוו)? אויב מיר זאָלן זיך סומך זײַן אויף אוקראַיִניש („יאַיעטשניק", „יאַיעטשניצאַ"), איז עס איין שוועמל (Amanita caesarea); אויב, ווידער, מיר זאָלן גיין לויט דײַטשיש, איז עס גיכער אַן אַנדער זגאַל (Cantharellus cibarius). בכּלל האָבן די נישט־דעפֿינירטע טערמינען בײַ סטוטשקאָוו און די פֿאַלש דעפֿינירטע אין גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך אונדז אָנגעמאַכט גענוג צרות. ווען מיר זעען, אַ שטייגער, בײַ סטוטשקאָוו לונגענבלום, זענען מיר זיך משער, אַז מע האָט דאָ געוואָלט פֿאַרייִדישן דאָס עלטערע און אַ ביסל דײַטשמערישע לונגענקרויט. אָבער קיין זיכערקייט דערין איז נישטאָ. אויך מיטליצע, מעטליצע (Agrostis; Apera spica-venti) האָבן אין פֿאַרשיידענע לשונות און מקומות – פֿאַרשיידענע טײַטשן, און ווען מיר זעען זיי פֿאַרצייכנט בײַ סטוטשקאָוו, איז נישט קלאָר וועלכס ס׳איז געמיינט.

אַזוי איז אויך מיט טאַטאַרניק/טאַטערניק. בײַ פּויליש־ייִדישע שרײַבערס (אָפּאַטאָשו, כאַפּן מיר אָן) איז עס איין געוויקס; בײַ די וואָלינער – עפּעס אַנדערש. אויך טשערעמכע (Prunus avium; Prunus padus) איז נישט אײנטײַטשיק. דערצו קומען נאָך צו פֿאַרפֿירערישע נעמען, וואָס זיי רופֿן גאָר אָן – נישט קיין געוויקסן. ים־אוגערקע איז נישט קיין אוגערקע, נאָר אַ בעל־חי. גאָליש־עפּעלע, אָדם־(הראשון־)עפּעלע זענען גאָר קיין עפּל נישט. פּיבערקרויט איז נישט קיין קרויט (cabbage), און ס׳איז בכלל סך־טײַטשיק; סטוטשקאָוו פֿאַרצייכנט עס טאַקע ווי גלאַט אַ געוויקס, אָבער אין דײַטשיש האָט עס כלערליי טײַטשן, און סע קער טאַקע זײַן גיכער אַ דײַטשיש וואָרט ווי אַ ייִדישס. ד״ר אַבֿרהם טעללער האָט שוין אָנגעוויזן (אין זײַנע ביז גאָר אינפֿאָרמאַטיווע הערות צו יִשׂשׂכר־בער טעללערס באר מים חיים, ז׳ 97), אַז לויט גרימס ווערטערבוך איז Mutterkraut כולל פֿאַרשיידענערליי געוויקסן.

אין דער אידענטיפֿיצירונג פֿון קולטיווירטע סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן זענען אויך געמאָלט סך־טײַטשיקייטן און במילא טעותן. פֿון די צוויי זגאַלן פֿאַסאָליע Phaseolus vulgaris; Phaseolus coccineus, אַ שטייגער, זענען באַקאַנט פֿינעף הונדערט (!) קוליווירטע סאָרטן. אונדזער אינפֿאָרמאַנטקע פֿון גוואָזדאָווקע האָט אידענטיפֿיצירט ראַבע פֿאַסאָליעס (פֿאַקטיש אַרויסגערעדט /ROBE/) מיט kidney beans און אַזוי ווי זי איז געווען אַ דאָרפֿישע, וואָס האָט נישט נאָר געגעסן פֿאַסאָליעס, נאָר זיי געצויגן אויך, פֿאַרלאָזן מיר זיך אויף איר. פֿונדעסטוועגן זענען מיר נישט גרייט צו שווערן, אַז אַ טעות קען דאָ נישט געמאָלט זײַן.

## ב) בײַם ענגלישן טערמין

בײַם ענגלישן עטנאָבאָטאַנישן טערמין קומען פֿיר אָן אַ שיעור פלאָנטערדיקע טערמינען, וואָס טייל מאָל (אָדער געגנטנווײַז) זענען זיי סינאָנימען, טייל מאָל (אָדער געגנטנווײַז) – אַנטאָנימען. „אין לפלאָנטער סוף״. איין ציטאַט מערנישט לדוגמא:

”(...) just what is the difference between blueberries and huckleberries, anyway? For the most part it is a matter of tradition and local naming which is extremely variable throughout the country and causes much confusion. The two terms are used interchangeably and sometimes inconsistently, depending on whether you happen to be in New England, the Midwest, the deep South or the West Coast. However, botanists (...) divide them into two different genera: Blueberries, *Vaccinium* (...) and huckleberries, *Gaylussacia* (...). Consider the lady who settled the matter once and for all, when she declared, ”Where we live, we call the huckleberries blueberries if we eat them, but the huckleberries that we can’t eat, we cook with and we call them crackleberries.”[2]

## ג) בײַם אינטערנאַציאָנאַלן טערמין

אין דער נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכער טערמינאָלאָגיע איז דאָך אָנגענומען, אַז איטלעכס געוויקס און איטלעכער בעל־חי האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלן, ליטײַנישן

2) Peggy Hopkins, ”Blueberries on the Beach,” The New York Times, April 16, 1972, p. D35.

נאָמען. בלויז די אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען זענען באמת דער רעזולטאַט פֿון וויסנשאַפֿטלעכער אָבסערוואַציע און סיסטעמאַטישן אַדורכקלער. במילא זענען זיי אויך די קלאָרסטע, איינטײַטשיקסטע טערמינען. בעת בײַ די געוויקסן־נעמען אין די באַזונדערע לשונות – אין דער עטנאָבאָטאַנישער נאָמענקלאַטור – טרעפֿט זיך דאָך אָן אַ שיעור מאָל, אַז מיטן זעלביקן נאָמען זאָל מען אָנרופֿן כּלערליי געוויקסן און, פֿאַרקערט, איין געוויקס זאָל האָבן כּלערליי נעמען, האָט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ליטײַנישער נאָמענקלאַטור איין געוויקס נאָר איין נאָמען, על־כּל־פּנים „אין פּרינציפּ".

איז דאָך גוט, טויג ערשט נישט. סע בײַטן זיך די וויסנשאַפֿטלעכע שיטות, מע אָבסערווירט נײַע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון געוויקסן, מע איז מחדש סיסטעם־חידושים און סע בײַט זיך במילא אויך די וויסנשאַפֿטלעכע נאָמענקלאַטור. בײַ איין באָטאַניקער קער דאָס געוויקס אַלף צו דער משפּחה ראובֿן, בײַם צווייטן – צו דער משפּחה שמעון. אָט האָט איר אַ משל: פֿאַראַן אַ שוועמל Jew's-ear (Judasohr, Judenohr), וואָס אייבעלסאָנס ווערטערבוך – ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט – האָט עס נאַיִווערהייט געפּרוּווט אײַנצופֿירן אין ייִדיש טאַקע מיטן האַלב דײַטשישן און גאַנץ אַנטיסעמיטישן נאָמען „יודען־אויער". (מיר האָבן עס משנה־שם געווען אויף אויערשוועמל.) אין די פֿאַרשיידענע אײַנקוקביכער פֿיגורירט עס אָבער מיט פֿאַרשיידענע ליטײַנישע נעמען: אין *Encyclopaedia Britannica* אויף איין שטייגער (Auricularia auriculara-judae); אין *Webster's New Twentieth Century Dictionary* (1968) – אויף אַ צווייטן (Hirneola auriculara-judae); אין בראָקהאַוז־לעקסיקאָן – אויף אַ דריטן (Auricularia sambucina). דאַכט זיך, אַ פּשוטע זאַך און פֿאָרט – איין געוויקס מיט דרײַ אַנדערשדיקע אידענטיטעטן! (וועגן דער פּשוט־פֿאָלקישער נאָמענקלאַטור איז דאָך שוין אָפּגערעדט. דאָרטן קען איין געוויקס האָבן אַ טוץ צי אַפֿילו אַנדערט האַלבן טוץ נעמען.)

אַ צווייט משל: דינקע (cantaloupe) האָט לויט איין אײַנקוקבוך – איין ליטײַנישן נאָמען (Cucumis melo cantalupensis), לויט אַן אַנדערן – אַן אַנדערן (Cucumis melo reticulata).

אַ דריט משל ווי שווער ס'איז אַ מאָל צו אידענטיפֿיצירן אַ געוויקס, וואָס מיר האָבן זײַן ייִדישן נאָמען און ווילן דערגיין דעם ליטײַנישן: דאָס געוויקס פּאָשע־קרויט האָבן מיר אין דרײַ פֿאַרשיידענע מקורים געפֿונען מיט דרײַ פֿאַרשיידענע ליטײַנישע טערמינען און על־פּי וויסנשאַפֿטלעכן דין דאַרף דאָך זײַן איין־איינציקער ליטײַנישער טערמין! האָבן מיר טאַקע בלית־ברירה אויסגעקליבן איינעם פֿון די דרײַ און זאָלן אונדז די אַנדערע צוויי מוחל זײַן...

בײַ די אינטערנאַציאָנאַלע נעמען האָבן מיר זיך (בדרך־כּלל) געהאַלטן בײַם אַרומנעמיקן *Standardized Plant Names* (דאָ ווײַטער: סט). אַזוי אויך בײַ די ענגלישע. אויב דאָרטן שטייט אויסגעלייגט אין איינעם Jackinthepulpit, האָבן אויך מיר זיך אַזוי נוהג געווען. דאָרטן ווּ אָט דער מקור האָט נישט געקלעקט, האָבן מיר געפֿאָלגט די רעקאָמענדאַציעס פֿון דער *Encyclopaedia Britannica*. (בנוגע tree fern זע'מיר געגאַן מיט דער *Britannica*, נישט מיט *St*.) די דריטע פּריאָריטעט אין דער נאָרמאַטיווער היעראַרכיע האָט בײַ אונדז געהאַט *Webster*. די פֿערטע – *Brockhaus*. די פֿיפֿטע – *Ботанический словарь*. די זעקסטע – *Большая Советская Энциклопедия*. בנוגע ארץ־ישׂראל־געוויקסן האָט די צווייטע פּריאָריטעט – נאָך *St* – בײַ אונדז געהאַט איג־פֿינברונס מגדיר לצמחי ארץ ישראל. אויב מיר האָבן אָבער געפֿונען פֿון איין זײַט *St* און פֿון דער אַנדערער אַרט – אַ הסכּם

צווישן עטלעכע פֿון די נאָר וואָס אויסגערעכנטע מקורים, האָבן מיר זיך נוהג געווען לויטן פּרינציפּ אַחרי־רבים־להטות. אין פֿיר מקורים, למשל, האָבן מיר געפֿונען Najas און נאָר אין *St* – Naias, זענען מיר געגאַן מיט דער מאַיאָריטעט, כאָטש סע קען געזײַן, אַז די מאַיאָריטעט איז אומגערעכט. ס'איז אָבער, ווי געזאָגט, נישט אונדזער עסק צו סטאַנדאַרדיזירן די אינטערנאַציאָנאַלע נאָמענקלאַטור.

בײַ געוויקסן, וואָס זײַ וואַקסן אין ענגליש־רעדנדיקע לענדער, מאַכן מיר נישט קיין אָפּשיקן פֿון איין ליטײַנישן נאָמען צום אַנדערן; בײַ ישׂראל־געוויקסן טוען מיר עס יאָ – מיר שיקן אָפּ (אויב ס'איז דאָ אַ סתּירה) פֿונעם ליטײַנישן טערמין, וואָס אין מגדיר לצמחי ארץ ישראל צום ליטײַנישן טערמין וואָס אין *St*, וואָרן דער ישׂראל־באַניצער פֿון געווי וועט זיך גיכער באַניצן מיטן מגדיר ווי אַן אַרויסגיי־פּונקט.

אַפֿילו אין דער ליטײַנישער טערמינאָלאָגיע, וואָס זי איז דאָך די סטאַבילסטע, די ראַיעלסטע, די קראַנטסטע, זענען, הייסט עס, דאָ פּלאָנטערס און סתּירות – טייל מאָל כראָנאָלאָגישע, טייל מאָל – תּוכיקע, טייל מאָל – אָרטאָגראַפֿישע. אַזאַ פּלאָנטער אינעם שרײַב־אופֿן פֿונעם ספּעציפֿירנדיקן צוגאָב קען מען, למשל, געפֿינען בײַ די בירעבידזשאַנער געוויקסן: ,Betula dahurica, Lillium dauricum Larix davurica, ווו דער אייגענער אַדיעקטיוו (אַרויסגעפֿירט פֿונעם נאָמען פֿון אַ טײַך) ווערט איבערגעגעבן אויף דרײַ אופֿנים. מיר האָבן דאָ געלאָזט די אומאויסגעהאַלטנקייטן – מיר'ן דאָך נישט גיין און מסיג־גבֿול זײַן, זיך אַרײַנמישן אין פּראָבלעמען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַל סטאַנדאַרדיזירטער נאָמענקלאַטור, אַפֿילו ווען זי איז באַשײַמפּערלעך אומאויסגעהאַלטן. אויך בײַ די ייִדישע עקוויוואַלענטן פֿון די נאָר וואָס דערמאָנטע געוויקסן איז דאָ אַ שטיקל מישענינע: דאַורער, דאַהורער און דאַורישער, אָבער פֿאָרט איז דאָ דאָס וואַקלעניש קלענער ווי אין דער ליטײַנישער טערמינאָלאָגיע, און דאָ האָבן מיר יאָ אוניפֿיצירט: דאַורער, כאָטש מיר ווײַזן אָן אויך די מקורים מיט די אַנדערע צוויי פֿאָרמעס.

אַ מאָל איז דאָ די סתּירה צווישן צוויי באַטאַנישע נעמען דער רעזולטאַט דערפֿון, וואָס איין טערמין איז עלטער און דער צווייטער – נײַער. איז אָבער אַפֿילו דאָס נישט גרינג צו דערגיין. לויט *St* איז Lavandula officinalis דער הײַנטיקער טערמין, בשעת Lavandula spica-vera – דער עלטערער, אָבער לויט *Wise Garden Encyclopedia* איז עס גאָר פֿאַרקערט! נו, גיי ווייס, ווער ס'איז גערעכט.

# 3. נאָרמיר־פּראָבלעמען

## א) דאָס לשון פֿונעם קאָלאָניסט צי פֿונעם באָטאַניק־ און ייִדיש־לערער?

אין דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע זענען פֿאַראַן אַ שלל מיט סינאָנימען און וואַריאַנטן – כראָנאָלאָגישע, רעגיאָנאַלע, פּראָפֿעסיאָנעלע און סטיליסטישע. דער רעזולטאַט, ווי אויבן שטייט: עשירות און צעטומלעניש. אָט האָבן מיר פֿאַרן מין Equisetum Horsetail אויפֿגעדעקט אין דער ליטעראַטור אַזש צוועלעף סינאָנימען און וואַריאַנטן: עקוויזעטום, עקוויסעטום, עקיסעטום, וויטשן־געוויקס, וויטשנקוסט, שלייפֿגראָז, שאַכטלשטרוי, פֿערד־עק, קאַסטנשטרוי, קייטלשטרוי און קייטלרוט. און – ווער ווייסט? – פֿאַראַן אפֿשר נאָך.

בראשית – אין אָנהייב איז געווען דאָס ערשטע ליטעראַרישע ייִדיש, וואָס ס'איז זיך סומך געווען אויף די מערבֿ־ייִדישע רעדענישן – דאָס לשון פֿון אונדזערע אָבֿות־אַבֿותנו אין דײַטשלאַנד, עלזעס, האָלאַנד, עסטרײַך, פּיים (ביימען), לאָמבאַרדיע, דענמאַרק. אַהער קערן די געוויקסן־נעמען וואָס זיי ווערן דערמאָנט אין די פּאַרצײַטיקע מנהגים־ביכלעך, אין די כּלערליי ביכעלעך מיט פֿאָלק־מעדיצינישע עצות אין משך פֿון הונדערטער יאָרן. פֿונעם הײַנטיקן קוקווינקל זענען יענע געוויקסן־נעמען אין דער בחינה פֿון אַרכאַיִזמען.

אויב, ווידער, מיר קוקן זיך צו צו דער מאָדערנער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע, גילט איין נוסח בײַ די משׂכּילישע, פּאָפּולאַריזאַטאָרישע פּיאָנירן, וואָס זיי האָבן צו דער וועלט פֿון געוויקסן אין תּוך אַרײַן געהאַט נאָר אַן אומדירעקט שײַכות, און אַ סך מאָל זיך פּשוט נישט אָריענטירט מיט וואָס דאָס איינע געוויקס איז אַנדערש פֿונעם צווייטן. אַהער קערן די מחברים פֿון ווערטערביכלעך (האַרקאַווי און אַפֿילו שפּעטערדיקע, דערעיקרשט מאַרגינאַלע לעקסיקאָגראַפֿן) און פֿון ענציקלאָפּעדיעס (אייבעלסאָן), פֿון פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע ביכלעך און אַרטיקלען: י.־ל. פּרץ, א.־ש. זאַקס א"אַ. זיי האָבן אין ייִדיש אײַנגעפֿירט הונדערטער באָטאַנישע טערמינען, דער הויפּט סתּם געשעפּטע פֿון דײַטשיש. דער גרויסער אויסנעם איז דאָ דער ווּנדערלעכער בעל־לשון י.־מ. (שיִע־מאָטל) ליפֿשיץ, וואָס ער האָט אין זײַנע ווערטערביכלעך כּמעט אויף קיין איין רגע נישט פֿאַרגעסן דעם חילוק צווישן ייִדיש און צווישן דײַטשיש. געענדיקט האָט זיך אָט די פּיאָנירישע תּקופֿה בדרך־כּלל מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער צווייטער ציבור ניצערס פֿון דער מאָדערנער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע קומט ווי אַ דירעקטער כראָנאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער יורש

פֿונעם משׂכּיליש־פּאָפּולאַריזאַטאָרישן. ס׳איז די וועלט פֿון די ייִדישע באָטאַניקערס אין אַ ברייטערן פּשט: די מחברים פֿון די באָטאַנישע, ביאָלאָגישע און געאָגראַפֿישע לערן־ און לייען־ביכלעך, ווי אויך בכּלל די לערערס און תּלמידים פֿון די ייִדישע שולן אין מיזרח־אייראָפּע, 1918־1939, אין קלאַס און אויף נאַטור־עקסקורסיעס. הינטער זיי שאָטנט אַרויס די ייִדישע שפּראַך־נאָרמירונג, די נאַציאָנאַלע פֿילאָלאָגיע. מע פּרוּווט זיך באַפֿרײַען פֿון דײַטשמעריש, כאָטש דער פּרוּוו געראָט נאָר צום טייל. מע היט זיך אויס פֿון צו אַ שטאַרקער סלאַווישער השפּעה: אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד – מער; אין ראַטן־פֿאַרבאַנד – ווינציקער. דער עיקר: מע האָט נישט קיין מורא פֿאַר נײַשאַפֿונגען.

די ביז איצט דערמאָנטע צוויי ציבורס זענען „טעאָרעטיקערס", אַזוי צו זאָגן. זייער מכשיר איז נישט די סאָכע, נאָר דאָס ביכל. אַנדערש איז אָבער מיטן דריטן – און גרעסטן – ציבור: די פּראַקטיקערס, די וועלט פֿון די סתּם ייִדן. צון איר קערן צום אַלעם ערשטן די עטלעכע הונדערט טויזנט קאָלאָניסטן, פֿונעם אַכצעטן יאָרהונדערט אָן, קודם אין אוקראַיִנע, באַסאַראַביע, גאַליציע, מאַרמעראָש, רײַסן, עטנישע ליטע און קאָנגרעס־פּוילן, און דערנאָכדעם אין ארץ־ישׂראל, אַרגענטינע, די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, קרים און בירעבידזשאַן. ס׳איז דאָס לשון פֿון עמך – די ערדאַרבעטערס, סאַדאָווניקעס, גערטענירערס, פֿאַרמאָגערס פֿון בײַשטאָטישע באַלעבאַטישקייטן אָדער בײַשטוביקע גערטענער, ווי אויך די וואַלדאַרבעטערס. אין מאַרמעראָש, למשל, איז דאָך אַ גרויסע טייל פֿון דער ייִדישער ווײַנערשאַפֿט – 28 פּראָצענט! – געווען עובֿדי־אַדמה; אין גאַליציע – 18 פּראָצענט (בירנבוים 17:1979). אין רוסלאַנד אַליין האָבן סוף 19טן י״ה 68,959 ייִדן געלעבט פֿון ערדאַרבעט (ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אינעם קאַפּיטעלע „אַלטס און נײַס אין דער ייִדישער באָטאַנישער נאָמענקלאַטור"). הײַנט ווו איז גאַליציע, מאַרמעראָש, קאַרפּאַטן־לאַנד, ארץ־ישׂראל, אַרגענטינע און פֿאַראייניקטע שטאַטן?

אַ נאָענט שײַכות צו דער וועלט פֿון צמחים האָבן אין מיזרח־אייראָפּע אויך געהאַט די אויפּס־ און גרינסן־הענדלערס, קלייטניקעס און וואַלדשאַפֿערס. עקאָנאָמיש איז דאָס אַ פֿאַרשיידנדיקער עלעמענט: צום מײַנסטן זענען זיי געווען אומפֿאַרמעגלעכע האָרעפּאַשניקעס, אָן וועלטלעכער בילדונג; סע קערן אָבער צו אָט דעם ציבור אויך די צענדליקער אויסשטודירטע ייִדישע אַגראָנאָמען, די רײַכע ערד־פֿאַרמאָגערס – דאָס ביסל ייִדישע פּריצים פֿון גאַליציע און קאָנגרעס־פּוילן (די ערשטע – אָפּגעמשלט אין די זכרונות פֿון שמואל מאַרגאָשעס), די מוכר־תּבֿואהניקעס, טאַרטיק־באַלעבאַטים, געהילץ־סוחרים אאַז״וו.

דאָס לשון פֿון די פּראַקטיקערס איז ווײַט פֿון פּוריזם. אָט דער ציבור האָט נישט קיין אַמביציעס פֿון שפּראַכבוי. מיט אַ ברייטער האַנט שעפּט מען פֿון אוקראַיִניש, פּויליש, דײַטשיש, רײַסיש, רוסיש, ליטוויש, רומעניש, אונגעריש, אַראַביש, דזשודעזמיש, שפּאַניש, ענגליש אאַז״וו. ס׳איז דאָס לשון פֿון אַזוינע פּעריאָדישע פּובליקאַציעס ווי: דער קאָלאָניסט פֿון ירושלים (1893־1895); דער קאָלאָניסט פֿון דאָמינגעז־ענטרע־ריאָס (1916־1917?); דער אַרגענטינער קאָלאָניסט־קאָאָפּעראַטאָר (1917־1976); אַלטנײַלאַנד (1919־1925); באַהערשן די טעכניק פֿון דער סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע (1932־1934); דער צו ערשט לעמבעריקער, דערנאָכדעם וואַרשעווער ייִדישער לאַנדווירט (1928־1939), דער בירעבידזשאַנער שטערן (1930־), דער קאַלינינדאָרפֿער קאָלווירט־עמעס (1930־1935?), דער נײַ־זלאַטאָפּאָליער קאָלווירט־שטערן (1931־1936?), די ניו־יאָרקער אידישער

פֿאַרם־אַלמאַנאַך (1915־1917), יודישער פֿאַרמער (1891־1892) און ייִדישער פֿאַרמער (1908־1959), דער מינכענער שארית־הפּליטה־זשורנאַל לאַנדווירטשאַפֿטלעכער װעגווײַזער (1946־1948) א״אַ.

בדרך־כּלל דעקט זיך די טערמינאָלאָגיע פֿונעם דריטן ציבור – פֿון די פּראַקטיקערס – מיטן רעד־לשון. דעם חילוק קען מען סכעמאַטיש אילוסטרירן: ווײַדנבוים – בײַם ערשטן ציבור, הושענא־בוים – בײַם צווייטן (מחוצן ראַטן־פֿאַרבאַנד), ווערבע – בײַם דריטן.

אַן אַנדער צד איז די ייִדישע ליטעראַטור. זי ציט אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. די מעמואַריסטיק איז נוטה צום לשון־בכּל־יום; די זכרונות פֿון פּרץ הירשביין, אַ שטייגער, שפּיגלען אָפּ דאָס לשון פֿון סתּם דאָרפֿסלײַט, מילנערס אאַז״וו. די בעלעטריסטיק איז ווי בײַ וועמען – בײַ בערגעלסאָן, קיפּניס, קולבאַק, נח לוריע (אַן אויפֿגעוואָקסענער אין דער אַגריקולטור־קאָלאָניע נײַ־זלאַטאָפּאָליע) הייסן די געוויקסן מיט די נעמען, וואָס בײַ אונדזערע אָבֿות־אַבֿותינו. דער נסתּר און שטיינבאַרג, ווידער, באַרײַכערן שוין די ייִדישע שפּראַך מיט נײַשאַפֿונגען – זיי איז דאָס געירשעטע טערמינענוואַרג נישט גענוג. טייל בעלעטריסטן ניצן טערמינען פֿון דער שול־טערמינאָלאָגיע (סוצקעווער, שעכטמאַן). אין דער פּאָעזיע – סײַ דאָס ירושהדיקע ווערטערוואַרג, סײַ נעאָלאָגיזמען און אינטערנאַציאָנאַליזמען פֿאַר די נײַע, אַ מאָל „עקזאָטישע” (לייען: טראָפּישע און סובטראָפּישע) צמחים. מע קען דעם חילוק, למשל, אָבסערווירן בײַ דעם געוויקס, וואָס אין דער וויסנשאַפֿטלעכער ליטעראַטור הייסט עס טײַוול־פֿאָדעם, און אין דער בעלעטריסטיק – טײַוולסהאָר.

ווען סע קומט צום נאָרמירן, איז אַ צרה אין פֿריידן: אַ חסרון די כּלה איז צו שיין – צו פֿיל סינאָנימען און וואַריאַנטן. ווי סע זינגט זיך אין יענעם ליד: „איצט הייבט זיך אָן צו פֿרעגן די שאלה: וועלכע פֿון דיביידע זאָל איך נעמען פֿאַר אַ כּלה?” נו טאַקע, וועלכע פֿון די ביידע, צי פֿון די פֿינעף, זעקס, און טייל מאָל צען און מיין סינאָנימען און וואַריאַנטן זאָל מען סטאַנדאַרדיזירן, ד״ה אויסקלײַבן ווי דעם טערמין מיט דער האַ־הידיעה, לכּל־הפּחות פֿאַר דעם ייִדיש־ניצער, וואָס ער זוכט אַ סטאַנדאַרדיזירטן טערמין? און וועלכן געאָגראַפֿישן וואַריאַנט? און פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע און סטיליסטישע וואַריאַנטן – דעם אַגראָנאָמס טערמין (ווײַסער קלעווער; צווייקאַנטיקער אָדער צוויי־שורהדיקער גערשטן)? דעם טערמין פֿון די לערן־ביכלעך (משוגע־קאַרש), צי דעם פֿון דער בעלעטריסטיק (שיכּור־ווײַנשל, למשל בײַ עלי שעכטמאַן)? דעם וואָכעדיק־רעאַליסטישן אָדער דעם שבת־יום־טובֿדיק־פּוריסטישן?

אַ סך מאָל איז עס אַ ויתרוצצו צווישן רעדשפּראַך און צווישן שרײַבשפּראַך. דאָ איז נישט גרינג צו פּסקענען. דער פּרוּוו פֿון אַ נאָרמירטער טערמינאָלאָגיע, וואָס מיר ברענגען אין גװוּרי, איז דאָך געמיינט נישט נאָר פֿאַרן לשון־שבכּתבֿ, וואָלט געווען אומשׂכלדיק סתּם אָפּצוגעבן די בכורה דער שרײַבפֿאָרמע. דער פֿאַרקערטער גאַנג וואָלט אָבער אויך געווען קרום – מיר זענען טאַקע מבֿטל דאָס דײַטשוואַרג פֿון 1890־1915 (און אַפֿילו שפּעטער) און דאָס נאַיִווע קאָנסערוואַטיווקייט, וואָס סע האַלט זיך געטרײַ בײַם פֿרעמדן און איגנאָרירט דאָס אייגענע. מיר קענען אָבער אויך נישט גלאַט אַוועקגיין פֿון צו פֿיל טראַדיציעס פֿונעם געדרוקטן ייִדישן וואָרט. פֿון דער אַנדערער זײַט, וואָלט דער צונויפֿשטעלער פֿון גװוּרי נישט געווען קיין לינגוויסט מיט אַ שטאַרקן אינטערעס אין דיאַלעקטאָלאָגיע, וואָלט אויך ער אפֿשר זיך גלאַט געהאַלטן בײַם כּתובֿ. ווער סע האָט זיך אָבער איין מאָל

אוועקגעלאָזט שווימען אינעם ים־הרעד־לשון, דער וועט מיין נישט אַזוי פּשוט זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן „אַזוי־שטייט־בײַ־האַרקאַווי" (צי בײַ סטוטשקאָוו).

מיר האָבן געפּסקעט פֿון פֿאַל צו פֿאַל: אַ מאָל האָבן מיר אָפּגעקליבן דעם טערמין, וואָס מע האָט געלערנט אין די ייִדישע שולן; אַ מאָל – דאָס קלאַסישע וואָרט; אַ מאָל – ביידע (אַי טערען, אַי דאָרנדיקער פֿלוימענבוים). כאָטש ס׳איז אונדז כּסדר געשטאַנען פֿאַר די אויגן דער טערמינאָלאָגישער אימפּעראַטיוו „איין נאָמען פֿאַר איין אָביעקט", האָבן מיר, פּונקט ווי אין די נאָרמירנדיקע ווערק פֿון אַנדערע לשונות, געמוזט מאַכן פּשרות בײַ לאַנגאָניקע ווערטער, און אין אַ פּאָר פֿאַלן – געבן מער ווי איין ברירה. ווי נאָרמאַטיווע אָריענטירן האָבן מיר געניצט:

1) דעם ספּעציפֿישקייט־ אָדער אַנדערשקייט־פּרינציפּ: פֿון פֿאַראַנענע סינאָנימען און וואַריאַנטן זאָל די בכורה האָבן דער, וואָס ער איז ספּעציפֿישער, ייִדישער, בפֿרט אויב ער איז אויפֿגעקומען אין ייִדיש גופֿא.

2) דעם מאַיאָריטעט־פּרינציפּ: בר־מצרא איז דער סינאָנים צי וואַריאַנט, וואָס געאָגראַפֿיש איז ער פֿאַרשפּרייטער פֿון אַן אַנדערן, ד״ה ער איז געניצט געוואָרן פֿון אַ רעלאַטיווער צי גאָר אַבסאָלוטער מאַיאָריטעט ייִדיש־רעדערס (אַחרי רבים להטות). אויך צווישן די שרײַבשפּראַכיקע פֿאָרמעס דאַרפֿן בילעכער זײַן די, וואָס זיי זענען פֿאַרשפּרייטער.

3) דאָס באַלאַנסירטקייט צווישן רעד־ און שרײַב־לשון. מיר ווייסן, ווי געזאָגט, פֿונעם נאָרמאַלן גאַנג, אַז נאָר דער כּתובֿ איז אַ יש, און דאָס גערעדטע איז נישט מער ווי „פֿאַרגרײַזט". מיר האָבן געפּרוּווט יוצא זײַן סײַ לגבי גערעדטקייט, סײַ לגבי געשריבנקייט, וואָרן אונדזער כּוונה איז דאָך, אַז די נאָרמירטע נאָמענקלאַטור זאָל האָבן אַן אחיזה, כאָטש נישט קיין גלײַך שטאַרקע, אין אַלע סטילפֿאָרמעס פֿון מאַמע־לשון. דאָס אָנגענומענקייט נאָר אינעם רעד־לשון אָדער נאָר אינעם שרײַב־לשון איז ווי אַ מענטש נאָר מיט איין פֿוס.

4) קירצער איז בעסער, סײַדן דאָס קירצערע וואָרט איז סותר די פֿריִערדיקע פּרינציפּן.

5) אַן עלטערע לעבעדיקע פֿאָרמע איז בילעכער פֿון אַ ייִנגערער לעבעדיקער פֿאָרמע, אָבער אַ ייִנגערע לעבעדיקע פֿאָרמע איז בילעכער פֿון אַן עלטערער טויטער, ד״ה בילעכער פֿון אַן אַרכאַיִזם.

6) דאָס עטימאָלאָגישע אומדורכזעיִקייט איז בילעכער.

לאָמיר ברענגען צוויי דוגמות צו ווײַזן דעם אָנווענד פֿון די נאָר וואָס אויסגערעכנטע פּרינציפּן. פֿאַראַן אַ זגאַל מאָך, וואָס אין דער ייִדישער באָטאַנישער ליטעראַטור טרעפֿן מיר אים אָן מיט די נעמען: בערנמאָך, האָרמאָך, האָרמעך, פֿרויענהאָר, גאָלדענער צאָפּ, קוקומאָך, קוקולײַן, קוקאַווקע־גראָז, קוקאַווקע־פֿלאַקס – אַכט סינאָנימען, און איינס פֿון זיי – אין צוויי וואַריאַנטן. די אַלע נײַן פֿאָרמעס קערן זײַן נעאָלאָגיזמען, אַזוי אַז די קריטעריע געאָגראַפֿישער פֿאַרשפּרייט פֿאַלט אַוועק. אָריענטירנדיק זיך אויפֿן ספּעציפֿישקייט־פּרינציפּ האָבן מיר רעקאָמענדירט צוויי: גאָלדענער צאָפּ און קוקומאָך. (אַלע נײַן זענען אָבער פֿאַרצייכנט אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער.)

אָדער די קאָנקורענץ, אינעם ליטעראַרישן ייִדיש, צווישן בערעזע, בעריאָזע, באַראָזע, בעראָזע, ברעזע און בזשאָזע. די עטימאָלאָגיע איז קלאָר: אוקראַיִניש, רוסיש, רײַסיש און פּויליש. עטימאָלאָגיש וויסיק איז דער ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר אָבער נאָר וועגן בעריאָזע און בזשאָזע, בעת בערעזע איז שוין אויף אַזאַ סך אינטעגרירט אין ייִדיש – ס׳קער אויך זײַן היסטאָריש עלטער – אַז סע ווערט געפֿילט ווי דאָס

ייִדישסטע. בעריאָזע, ווידער, נישט נאָר פֿילט מען עס ווי אַ רוסיזם, נאָר ס׳איז אויך פֿרעמד פֿון אַן אַנדער קוקווינקל: סע ווערט בעל־פּה גענוצט דערעיקרשט פֿון רוסיפֿיצירטע ייִדן. אין גערעדטן ייִדיש איז בעריאָזע כּמעט ווי נישטאָ. ווי זשע איז עס אינעם לעבעדיק גערעדטן ייִדיש פֿון נישט־רוסיפֿיצירטע ייִדן, אין די דיאַלעקטן? אין ליטע און רײַסן – [באַראָזע, בעראָזע, בראָזע], אין אוקראַיִנע – [בערעזע, ברעזע], אין קאָנגרעס־פּוילן און מערבֿ־גאַליציע – [בזשאָזע]. אין דרוק טרעפֿט מען באַראָזע און בראָזע למעשׂה קיין מאָל נישט – די וואָס ניצן די פֿאָרמעס בעל־פּה, ניצן ס׳רובֿ דעם רוסיזם בעריאָזע בכּתבֿ; אַ וואָרט וואָס סע האָט נישט קיין אָנשפּאַר אינעם גערעדטן ייִדיש איז אָבער שווער צו רעקאָמענדירן ווי דעם טערמין. ברעזע, ווידער, טרעפֿט זיך יאָ (בײַ מ.־מ. שאַפּיר א״אַ), אָבער נישט צו אָפֿט. איז געבליבן: בערעזע – פֿאַר די זגאַלן מיט לאַנגאָניקע נעמען, ברעזע – פֿאַר די זגאַלן, וואָס מע האָט ערשט געדאַרפֿט באַנאָמענען.

געוויינטלעך, אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער ברענגען מיר אַלע סינאָנימען און וואַריאַנטן, וואָס מיר האָבן זיך אין זיי אָנגעשטויסן, אָדער וואָס ס׳איז אונדז געראָטן זיי אָפּצוזוכן. אָבער כאָטש מיר זענען אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער אויסן רעלאַטיוו אויסשעפּיקייט, דאָס הייסט, דער דעסקריפּטיווער צוגאַנג האָט געמוזט געוועלטיקן, האָבן מיר אויך דאָרטן נישט פֿאַרגעסן דעם נאָרמאַטיוון אידעאַל. במילא האָבן מיר מאַרגינאַלע דײַטשמעריזמען און די אימפּראָוויזירטע און בדרך־כּלל טעותדיקע נעאָלאָגיזמען בײַ אַזוינע פּיאָנירן ווי האַרקאַווי צי האָכבערג א״אַ געמוזט אָפּשיקן צו ממשותדיקערע, ייִדישערע און במילא קאָרעקטערע טערמינען. אויך פֿון די סתּם רוסיזמען אין טייל אַגראָנאָמישע און גערטנערישע האַנטביכלעך („פּאַכוטשי קאָלאָסאָק״) האָבן מיר אָפּגעשיקט צו לײַטישערע ברירות.

## ב) היקף, סכום און אַנדערע פּראָבלעמען

ס׳איז אונדז שוין אויסגעקומען אָנצווײַזן (שעכ 68:66), אַז אין איין ייִדיש באָטאַניק־ביכל (גילי) זענען פֿאַרצייכנט די נעמען פֿון 16 זגאַלן ווערבע און עטלעכע צענדליק אַנדערעביימער און קשאַקעס. אין אַ צווייטן (פֿרו־ש) – 53 נעמען פֿון ביימער און קשאַקעס. אין אַ דריטן (האָכבערג) – 24. אין פֿלוג – גאָר קיין מעשׂה נישט, אָבער אין תּוך אַרײַן נישט גענוג. אין דער שטאָט ניו־יאָרק אַליין וואַקסן דאָך אַזאַ סך. (מיר רעדן דאָ, געוויינטלעך, נישט פֿון די באָטאַנישע גערטנער פֿון בראָנקס און ברוקלין מיט זייערע טויזנטער געוויקסן.) מיר דאַרפֿן פֿאַרפֿולן די לעקסישע בלויזן, אָבער ווי ווײַט גייט מען, חוץ פֿאַרצייכענען דאָס שוין פֿאַראַנענע טערמינענוואַרג? די גרענעץ־סלופּעס פֿון דער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע וואָלטן מיר מיינסטנס אַרײַנגעקלאַפּט בײַ די געמאַרקן פֿון די ייִדישע מאַסן־ייִשובֿים אין 20סטן י״ה. מיט אַנדערע ווערטער, מיר קענען זיך באַגיין אָן ייִדישע נעמען פֿון געוויקסן, וואָס זיי וואַקסן אין גרעסטן חלק אַפֿריקע (חוץ דער טעריטאָריע פֿון דער דרום־אַפֿריקאַנער רעפּובליק), פֿון עקוואַטאָריאַלן, טראָפּישן און סובטראָפּישן אַמעריקע (חוץ דעם דרום פֿון די פֿ״ש, קובע, מעקסיקע), פֿון כּמעט גאַנץ אַזיע, פֿון סאַמע צפֿון־ און דרום־אייראָפּע. מיר נייטיקן זיך אָבער אין ייִדישע טערמינען פֿאַר די ביימער און קשאַקעס פֿון מיזרח־, צענטראַל־ און מערבֿ־אייראָפּע, פֿון ארץ־ישׂראל, פֿון צפֿון־אַמעריקע, פֿון מעקסיקע, די לאַ־פּלאַטאַ־לענדער, מיזרח־בראַזיל, דרום־אַפֿריקע, אויסטראַליע, בירעבידזשאַן און סאָוועטיש מיטל־אַזיע, וווּ צענדליקער טויזנטער ייִדיש־רעדנדיקע פּליטים האָבן געפֿונען אַ מקום־מיקלט אין דער

צווייטער וועלט־מלחמה.

אַ צווייטע קאַטעגאָריע, וואָס זי דאַרף אַרײַנגיין אין אונדזער טערמינאָלאָגיע: די סאַמע פֿאַרשמטע געוויקסן פֿון גאָר דער וועלט, אַלץ איינס ווו זיי וואַקסן. מע קען, למשל, נישט אין גאַנצן אויסן לאָזן די קויטשוקביימער, כאָטש זיי זענען נישט קיין תּושבֿים אין די ייִדישע מאַסן־ייִשובֿים.

אַ דריטע קאַטעגאָריע, וואָס מע טאָר זי נישט איגנאָרירן: די זגאַלן וואָס ווערן דערמאָנט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, סײַ אין דער אָריגינעל ייִדיש־געשריבענער, סײַ די איבערגעזעצטע און באַאַרבעטע.

צווישן די כּלערליי פּראָבלעמען און פּראָבלעמעכלעך איז אפֿשר כּדאַי צו דערמאָנען דאָס לאַנגקייט פֿון טייל נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע טערמינען. טייל קאָנטינענטאַלע לשונות (רוסיש, דײַטשיש א״אַ) ניצן פֿאַר אַ געוויקס־נאָמען אַ לאַנגע ווערטער־גרופּע: אַדיעקטיוו פּלוס סובסטאַנטיווישן צונויפֿהעפֿט. אַזוי האָבן זיך אויך נוהג געווען די אייראָפּעיִשע ייִדישע לערנביכלעך פֿון באָטאַניק און ביאָלאָגיע. ענגליש, ווידער, איז יאָ סובֿל לאַנגע צונויפֿהעפֿטן פֿון צונויפֿהעפֿטן: Hairleaf Watercrowfoot Buttercup, אַ שטייגער, איז דער נאָמען פֿון איין געוויקס, נישט פֿון דרײַ! פֿאַרן הדיוט, וואָס פֿאַר אים וואָלט געקלונגען אַ היפּאָטעטיש „אַלע געוויקסנאָמען האָבן איין פּנים" קען דאָס זײַן אַ מיכשול, אָבער קיין ברירה איז נישטאָ. נישט נאָר אין דער באָטאַניק טרעפֿט זיך דאָס. פֿאַראַן טויזנטער גאָר לאַנגע טערמינען אין דער טעכנאָלאָגיע (impregnated-tape metal-arc welding). „׳שטאָ קאַן עצה".

דורך געוויי פֿירן מיר אײַן אין דער ייִדישער באָטאַנישער טעמינאָלאָגיע עטלעכע עבֿרית־טערמינען, פֿאַר מינים און זגאַלן וואָס זענען ביז איצטער נישט געווען קיין חלק פֿון ייִדיש. מיר ברענגען זיי מיינסטנס לויטן נאַטוראַליזירטן אויסלייג – זיי זענען דאָך נישט קיין טראַדיציאָנעלע לשון־קודש־ווערטער, נאָר אין דער בחינה פֿון אַ לײַוואָרט. אַפֿילו אין עבֿרית זענען זיי דאָך נישט קיין ווערטערוואַרג, וואָס מע האָט איבערגענומען בירושה פֿון די פֿריִערדיקע דורות, נאָר נײַ־געשאַפֿענע צי נײַ־אײַנגעפֿירטע טערמינען – נײַ־אײַנגעפֿירטע אָדער דורך אַ שינוי־ניכּר (דעם ליטײַנישן us/um... געביטן אויפֿן העברעיִשן ...ון), אָדער דורך אַ קאַלקע. נאָר ווו דער עבֿריתישער שרײַב־אופֿן איז נישט קיין מיכשול בײַם לייענען, לאָזן מיר אים (אַחילוף, אַ שטייגער).

אַ מיכשול איז געווען דער טעמאַטישער היקף: דאָס אָפּהיטן די גרענעץ צווישן באָטאַניק, האָרטיקולטור, אַגריקולטור און געוויקסן־עקאָנאָמיק (פֿיטאָעקאָנאָמיק). די שייכדיקע ייִדישע האַנטביכלעך האָבן אַ סך מאָל, בשוגג צי במזיד, נישט אָפּגעהיט די מחיצה. מיר האָבן זיך אין געוויי נוהג געווען אַזוי: ווען סע קומט צו טאַקסאָנאָמיע, האָבן מיר מסיג־גבֿול געווען – אַרײַנגענומען גאָרטן־סאָרטן פֿון אויפּס און גאָרטנוואַרג. אויף אַנדערע גרענעצן האָבן מיר יאָ מקפּיד געווען.

דער סכום טערמינען? ווען דער בעל־מחבר פֿון געוויי האָט זיך גענומען צום ענין ייִדישע באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע, האָט ער נישט געהאַט קיין השׂגה, ווי ווײַט ער וועט בעל־כּרחו גיין. ס׳איז אים אָבער שפּעטער געוואָרן קלאָר (שעכ 69:1966), אַז נאָר אַ קלענער חלק פֿון די העט איבער 300,000 געוויקסן, וואָס באָטאַניקערס האָבן שוין אָפּגעמשלט און קלאַסירט, דאַרף אַרײַן אין דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע. פֿונדעסטוועגן, נאָכן אָפּאַרבעטן 37 יאָר אויף דעם פֿעלד (אַקוראַט: זינט 1960) האָט זיך באַקומען אַ סך־הכּל פֿון 4288 רעקאָמענדירטע נעמען פֿון משפּחות, מינים, זגאַלן און אונטערזגאַלן וואָס אינעם

דרײַשפּראַכיקן ליטײַנישן־ענגלישן־ייִדישן ווערטערביכל אין געווי. אינעם מקורים־ווײַזער, מיט זײַן מער דעסקריפּטיוון, נישט־איבערקלײַבערישן צוגאַנג, זענען פֿאַרצייכנט אַ סך, אַ סך מיין. אויב מע רעכנט אַרײַן די כּלערליי סינאָנימען און וואַריאַנטן (בעיקר שרײַב־וואַריאַנטן; די אַרויסרעד־וואַריאַנטן האָבן מיר בדרך־כּלל איגנאָרירט), די אַרכאַיִזמען, דײַטשמעריזמען, אַנגליציזמען, שפּאַניזמען, די נישט־טעכנישע כּוללדיקע טערמינען, די פּאָעטישע פֿורעמונגען וכדומה, באַקומט זיך אַ סך־הכּל פֿון אַ 8־10 טויזנט איינסן. רעקאָמענדירן ווי נאָרמירטע טערמינען רעקאָמענדירן מיר אָבער, ווי געזאָגט, „נאָר" די 4288 וואָס אינעם דרײַשפּראַכיקן ווערטערביכל, פּלוס די עטלעכע הונדערט, וואָס קומען צו, אויב מע באַניצט זיך מיטן זוכצעטל פֿון פּרט־נעמען.

אויך גרײַזן אין די אויסגעניצטע מקורים איז נישט קיין שפּעטנע קלייניקייט. מיט טייל טעותן אין די כּלערליי מקורים איז פֿון מאָל צו מאָל נישט גרינג געווען זיך צו ספּראַווען. אויב נאָר אַן ענין פֿון אויסלייג, האָבן מיר טייל מאָל מערנישט פֿאַרריכט, דערהײַנטיקט: אויב דער גאַנצער טערמין איז געווען אַ דײַטשמערישער, האָבן מיר אים געלאָזט אומפֿאַרריכט.

פֿאַראַן פֿאַלן, ווו דער ייִדישער טערמין איז דער רעזולטאַט פֿון אַ טעות אין פּשט אָדער פֿון אַ נישט־דערלייענטקייט. אָט האָבן מיר אַ געוויקס מיט דרײַ נעמען: כּאַכלאַטקע, „טויבנקאָפּ" און „טויבנקעפּל"; זענען אָבער די לעצטע צוויי דער פּועל־יוצא פֿון אַ כּמעט קאָמישן טעות: אין דײַטשיש הייסט דאָס געוויקס Taubenkropf, האָט דער בעל־מחבר, וואָס ער האָט, אַ פּנים, דאָס וואָרט אײַנגעפֿירט אין מאַמע־לשון, עס געלייענט "Traubenkopf" – אַ נישט־געשטויגנקייט. Kopf און Kropf זענען דאָך לגמרי אַנדערע זאַכן! האָבן מיר אינעם מקורים־ווײַזער אָפּגעשיקט פֿון „טויבנקאָפּ" און „טויבנקעפּל" צו כּאַכלאַטקע, און פּטור אַן עסק.

שיִע־מאָטל ליפֿשיצעס אַ טעות אין פּשט האָבן מיר אָבער פֿון גרויס אָפּשײַ וועגן אויפֿגעהיט לדורות: ליפֿשיץ־פּערילע. דער בעל־געווי גייט מיטן גאַנג, אַז ליפֿשיצעס שפּראַך־חוש איז אַפֿילו בײַ אַ טעות־דורכרײַס באַגלייבטער, ראַיעלער, סאָלידער פֿונעם שפּראַך־חוש פֿון אַנדערע וואָס אָן אַ טעות אין פּשט...

גרינגער איז אונדז אויסגעקומען צו איגנאָרירן טעותים אין דער העברעיִשער טערמינאָלאָגיע. דער מגדיר צמחי ארץ ישראל ברענגט אַ געוויקס חבלבל איטלקי פֿאַר Convolvulus cantabrica, וואָס סע האָט נישט קיין שײַכות מיט איטאַליע, נײַערט מיט שפּאַניע. דער בעל־מחדש פֿונעם עבֿרית־טערמין האָט געקערט פֿלאָנטערן cantabrica מיט calabrica, האָבן מיר אין ייִדיש אויסגעגלײַכט דעם טעות אין פּשט: שפּאַניש שלענדערל.

מיר זענען בכּיוון געגאַן אויפֿן וועג נישט נאָר פֿון ייִדישיזירונג, נאָר אַפֿילו פֿון כּמו פֿאָלק־עטימאָלאָגיע: מאַלע־ביילע, דאָס מאַלווועלע (אין ליטײַניש איז עס אויך אַ דימינוטיוו), שאַנדרע־באַנדרע א"אַ.

אַפֿילו ווען גאַנץ געווי, נישט בלויז דער ערשטער באַנד, וועט האָבן דערזען די ליכטיקע שײַן, בלײַבט נאָך אַ דעזידעראַט, דהײַנו: די הערות צו געווי. כאָטש אונדזערע מקורים זענען אויסגערעכנט אין מקורים־וועגווײַזער און אין דער ביבליאָגראַפֿיע, וואָלטן מיר זייער געוואָלט דערלעבן כאָטש צום טייל אָנצושרײַבן די מאָטיווירונג, פֿאַר וואָס אַזוי און נישט אַנדערש, פֿאַר וואָס האָבן מיר פֿון כּמה־וכּמה ברירות אויסגעקליבן דײַקע דעם סינאָנים צי וואַריאַנט, נישט קיין אַנדערן. אָבער דאָס איז שוין אַ גאָטזאַך, ס׳נישט געווענדט אין אונדז.

סוף מעשׂה במחשבֿה תּחילה. מיר׳לן פֿאַרענדיקן די אַרײַנפֿיר־טײלן דורך אומקערן זיך צו דער קשיא וואָס בײַם סאַמע אָנהייב: צו וואָס האָבן מיר צונויפֿגעשטעלט געווי? דערויף מוזן מיר ברענגען אַ ציטאַט פֿון שלום־עליכם (מאָטל פּייסי דעם חזנס, נ״י, 1920, ז׳ 129):

„דער פּראָשיק איז רויטלעך און צעריבן דין, ווי שמעקטאַביק. רופֿן רופֿט זיך עס ׳שעמעריצי׳.

– וואָס הייסט דאָס שעמעריצי? [פֿרעגט מאָטל זײַן ברודער עליע]

– טערקישער פֿעפֿער.

– וואָס הייסט דאָס טערקישער פֿעפֿער?

– איך וועל דיר געבן אַ ׳וואָס־הייסט־דאָס׳, וועסטו בײַ מיר עפֿענען מיטן קאָפּ די טיר!״

צו וואָס דאָס משל? וואָס איז דער נימשל? מיר ווילן מע זאָל יאָ פֿרעגן וואָס שעמעריצע איז און וואָס – טערקישער פֿעפֿער, און וואָס הונדערטער אַנדערע געוויקסן. נישט נאָר פֿרעגן, נײַערט טאַקע אויך געפֿינען אין געווי דעם ענפֿער.